געווען אין אן אנדער ענין, און דערנאך האט ער זיך אומגעקערט צו שקו והעניתו; משא"כ "וישב ראובן" מיינט אז ער האט זיך אומגעקערט פון שקו והעניתו, ד.ה. אז פריער האט ער זיך עוסק געווען בשקו והעניתו, און דערנאך האט ער זיך אומגעקערט פון שקו והעניתו צו אן אנדער זאך - איז ווי קען מען ברענגען א ראי' פון "וישב מרדכי" אויף "וישב ראובן"?

ד) עצם הדיוק אז "וישב" מיינט מען דעם ענין התשובה, איז דאס ניט אויסגעהאלטן אין פשט"מ, ווארום דער בן חמש למקרא האט געלערנט פריער אז ס'איז געווען א כריתה ברית צווישן אברהם מיט אבימלך, און דערנאך איז "ויקם אבימלך ופיכל שר צבאו וישובו אל ארץ פלשתים" (וירא כא, לב), וואס דער לשון "וישובו" איז דא מובן בפשטות, ווארום וויבאלד אז פריער זיינען זיי געווען אין ארץ פלשתים, און זיי זיינען געקומען (פון דארטן) צו אברהם'ן, איז דערפאר שטייט "וישובו אל ארץ פלשתים" - זיי האבן זיך אומגעקערט צום ארט וואו זיי זיינען געווען פריער:

ולפי"ז קען מען דאך דא אויך זאגן די זעלבע זאך: וויבאלד אז פריער איז ראובן געווען צוזאמען מיט אלעמען לעבן דעם בור, איז דערפאר שטייט "וישב (ער האט זיך אומגעקערט צוריק צום ארט וואו ער איז געווען פריער) אל הבור" - וואו איז אבער דא א הכרח צו זאגן אז מיט "וישב" מיינט מען דעם ענין התשובה?

וכמדובר כמ"פ אז די אלע דיוקים (שבסעיף כח) דארפן זיין פארשטאנדיק בפשטות צו א בן חמש למקרא, ביז אז רש"י דארף גארניט בוסיף זיין, ווארום ס'איז מובן בפשטות. וכפי שיתבאר לקמן.

ל. בנוגע צו די הערות אויפן זהר, איז דא דער זהר אין דער פרשה (קפה, ב) "הא חזי חסידותי' דראובן וכו'", אז די חסידות פון ראובן איז אזוי גרויס, אז מ'דארף זיך מהבונן זיין אין דערויף, און זיין חסידות באשטייט אין דערויף, "דבגין דידע דשמעון ולוי שותפותא והכיכותא וחברותא דלהון קשיא אינון דכד אתחברו בשכם וכו'", ד.ה. אז אע"פ אז ער האט געקענט שמעון און לוי, און האט געוואוסט וואס זיי האבן געטאן אין שכם, אעפ"כ איז ער געגאנגען מציל זיין יוסף'ן. און ער איז מבאר אין די הערות (ע' קמח) דיוקים אין דעם לשון הזהר.

ס'איז אבער ניט פארשטאנדיק: ווי זאגט ער אז די חסידות פון ראובן באשטייט אין דעם וואס וויסנדיק דעם גודל הסכנה, איז ער געגאנגען מציל זיין יוסף'ן - לכאו' איז דאך פונקט פארקערט: בשעה מ'וויסט דעם גודל הסכנה איז דאך זיכער אז מ'דארף אים גיין ראטעווען, ווארום ווער וויסט וואס מ'קען אים טאן?

- בשעת די סכנה איז ניט קיין גרויסע, און אעפ"כ גייט ער מציל זיין, באווייזט דאס אויף גודל הסידותו; אבער דאס וואס די סכנה איז א גרויסע (און ער גייט אים מציל זיין), באווייזט דאס ניט אויף גודל החסידות, ווארום ס'איז דאך מובן אז וויבאלד די סכנה איז א גרויסע, דארף ער אים מציל זיין - איז לכאו' דערמיט וואס איז ער מבאר גודל הסכנה, איז ער גאר ממעט אין החסידותי' דראובן? וכפי שיתבאר לקמן.

לא. די שייכות פון דעם ענין פון מכירת יוסף וואס ווערט דערציילט אין דער פרשה, מיט דעם ענין פון חנוכה - איז פארשטאנדיק דערפון וואס אין סוגית חנוכה זאגט די גמרא (שבת כב, א) "מאי דכתיב והבור ריק אין בו מים . מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו" - וואס וויבאלד אז דאס ברענגט זיך אראפ אין סוגית חנוכה, איז פארשטאנדיק אז דאס האט א שייכות צו חנוכה.

- והביאור -

והביאור בזה:

מים איז דער ענין פון תורה, וואס "אין מים אלא תורה" (ב"ק יז, א). און בשעה אז "מים אין בו", ער האט ניט קיין תורה - איז ניט נאר וואס אים פעלט תורה און ער וועט באקומען אן עונש דערפאר, נאר וויבאלד אז אין בו מים, מוז מען זאגן אז "נחשים ועקרבים יש בו", אז ניט נאר וואס (ער האט ניט קיין תורה, נאר) ער האט דברי הרשות, נאר (וויבאלד אז אין בו מים, מוז מען זאגן אז) ביי אים איז דא ענינים הפכיים פון תורה - נחשים ועקרבים.

ואע"פ אז ס'איז שוין לאחרי מ"ת, וואס דעמולט איז דאך פסקה זוהמתן (שבת קמו, א), קען דאך לכאו' זיין אפי' אן תורה - אויף דערויף זאגט מען אז אויב נאר מים אין בו, ביי אים איז ניטא קיין תורה, איז זיכער אז נחשים ועקרבים יש בו.

לב. וואס דאס איז אויך מהאים מיטן געוואלדיקן וואורט פון דעם בעש"ט (צוואת הריב"ש סע"ו) עה"פ "וסרתם ועבדתם אלקים אחרים" - אז אויב ס'איז דא דער "וסרתם" פון דרך הקדושה, איז זיכער אז ער וועט זיך אראפ-גליטשן, ביז אז ער וועט קומען צו "ועבדתם אלקים אחרים" (וואס דערפאר שטייט "ועבדתם" (בוא"ו המוסיף) - אז דאס קומט בהמשך צו "וסרתם".

וואס דאס איז ע"ד האמור לעיל אז אויב נאר אין בו תורה - מוז ביי אים זיין נחשים ועקרבים.

לכאו' איז דאס אבער ניט בדומה: ווארום דער בעש"ט רעדט וועגן דעם ענין פון ק"ש, וואס דער ענין פון ק"ש איז דאך אחדות ה', און אויף דערויף זאגט ער אז אויב ס'איז "וסרתם", איז זיכער אז ער וועט קומען צו "ועבדתם אלקים אחרים"; אבער דא רעדט זיך דאך וועגן דעם ענין פון תורה, איז ווי פארגלייכט מען דאס צו תורת הבעש"ט?

וועט מען דאס פארשטיין דערפון וואס דא ווערט תורה אנגערופן בשם מים דוקא - "מים (תורה) אין בו" (וואס תורה האט דאך כו"כ שמות, און דא ווערט זי אנגערופן בשם מים דוקא):

די גמרא (תענית ז, א) זאגט: "למה נמשלו דברי תורה למים. . לומר לך מה מים מניחין מקום גבוה והולכין למקום נמוך, אף דברי תורה אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה. . במני דפחרא (כלי חרס)". ד.ה. אז דאס וואס תורה ווערט אנגערופן "מים", איז דאס מצד דעם ענין הביטול וואס עס דארף זיין אין לימוד התורה, וואס דערפאר ווערט דאס אנגערופן מים - שיורדים ממקום גבוה למקום נמוך דוקא.

ולכאו' איז ניט פארשטאנדיק: ווי קען זיין ער זאל האבן תורה און אעפ"כ זאל ער זיין אין אן אופן של ביטול - וויבאלד אז ער לערנט תורה, און מאן מלכי רבנן (ראה גיטין סב, א. זח"ג רנג, ב), ביז אז דורך זיין לימוד ההורה ווערט "קוב"ה קא חייך ואמר נצחוני בני נצחוני" (ב"מ נט, ב) - איז ווינסדיק אז ער איז גורם נח"ר ביים אויבערשטן, ווי קען ער שטיין אין א תנועה פון ביטול?

איז דער ביאור בזה: ווען איז שייך ער זאל האבן גאוה פון לימוד התורה - דוקא ווען ער רעכנט אז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, אבער בשעת ער ווייסט אז דאס איז מצד דעם אויבערשטן, ווארום דער אויבערשטער גיט אים כח צו לערנען תורה, און ער ווייסט אויך אז די תורה איז תורתו של הקב"ה, ווארום ער מאכט דאך ברכת התורה "ונתן לנו את תורתו" - זיין תורה, איז בשעת זיין לימוד התורה איז אין דעם אופן

- אז -

אז דאס איז פארבונדן מיטן אויבערשטן, בכילא איז דער לימוד התורה אין אן אופן של ביטול. ובפרט וויסנדיק וואס דער אויבערשטער זאגט אויף א בעל גאוה "אין אני והוא יכולים לדור וכו׳" (סוטה ה, א), און דעמולט לערנט תורה אין אן אופן של ביטול.

וואס דערפון איז מובן בעניננו, אז דאס וואס תורה ווערט אנגערופן בשם מים, מיינט מען דערמיט דעם פארבונד מיט נותן התורה (ווארום דוקא דעמולט איז דער לימוד התורה באופן של מים (שיורדים למקום נמוך - ביטול));

און בשעה אז "מים אין בו" - ער האט טאקע דעם ענין פון תורה, ער איז אבער ניט פארבונדן מיט נותן התורה, איז בשעה ער איז ניט פארבונדן מיט נותן התורה (מים אין בו) - איז נחשים ועקרבים יש בו.

וואס דער ענין (אז לימוד התורה זאל זיין פארבונדן מיט נותן התורה) קומט דורך די הקדמה פון די עבודה פון ק"ש וכו׳ - וואס דערפאר איז דאס מתאים מיט תורת הבעש"ט אז אויב ס׳איז דא דער "וסרתם", וועט ער דערנאך קומען צו "ועבדתם אלקים אחרים".

לג. עפי"ז איז אויך מובן דער קשר פון דעם וואס די גמרא זאגט "מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו" (וואס דאס גייט דאך אויף לימוד התורה וואס איז ניט פארבונדן מיט נותן התורה - מים אין בו) - מיט דעם ענין פון חנוכה, וואס דערפאר שטייט דאס איז דער סוגיא פון חנוכה:

דער ענין פון מלחמת היונים איז געווען דאס וואס זיי האבן געוואלט "להשכיחם תורתך", ווי געדערט כמ"פ (לקו"ש ח"ג ע׳ 815) דעם דיוק פון "להשכיחם תורתך" - דיין תורה, ווארום די יונים האט ניט געהארט אז אידן זאלן לערנען דעם שכל והחכמה פון תורה, זיי האבן נאר געוואלט אז אין דעם לערנען תורה זאל זיך ניט אנהערן אז דאס איז דעם אויבערשטנ׳ס תורה.

ועפ"ד ווי די גמרא (ב"מ פה, א ואילך. נדרים פה, א) זאגט על מה אבדה הארץ הזאת - שלא ברכו בתורה תחלה, איז מבאר רבינו יונה (הובא בר"ן נדרים שם) אז ס׳איז געווען דער ענין פון לימוד התורה, אבער לא ברכו בתורה תחלה, אין זייער לימוד האט זיך ניט אנגעהערט דער נותן התורה. ועד"ז איז אויך געווען מלחמת היונים, אז זיי האבן געוואלט אז דער לימוד התורה זאל ניט זיין פארבונדן מיט נותן התורה.

וואס דערפאר שטייט דער ענין פון "מים אין בו וכו׳" (וואס די כוונה בזה איז דאך אז דער לימוד התורה איז ניט אין אן אופן של מים׳ - ביטול, דערפאר וואס דאס איז ניט פארבונדן מיט נותן התורה) אין סוגיא חנוכה - ווארום דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון חנוכה, דערפאר וואס כלהבה היונים איז געווען "להשכיחם תורתך" - זיי האבן געוואלט אז לימוד התורה זאל ניט זיין פארבונדן מיט נותן התורה.

לד. און נאך דעם נצחון וואס כ׳האט מנצח געווען די יונים, איז געווען דער נס פון נר חנוכה.

וואס דער ענין פון נר חנוכה איז, אז מ׳זאל באלייכטן על פתח ביתו מבחוץ, און וויבאלד אז כ׳זאגט אויף נרות חנוכה אז אינם בטלים לעולם, איז מובן אז דאס איז א הוראה על כל הדורות ועל כל הזמנים; וואס בכללות בנ"י זיינען דא די וואס ענינם איז מאיר זיין על פתח ביתו מבחוץ, וואס דאס איז דער ענין פון נר חנוכה, און ס׳איז דא די וואס ענינם איז מאיר זיין מבפנים, וואס דאס איז דער ענין פון נר שבת, וואס ער איז מאיר בתוך הבית, און ער פועל׳ט שלא יכשל בעץ או באבן.

- און -

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

און די וואס הפקידם איז באלייכטן (על פתח ביהו) מבחוץ, דארפן זיי פועל'ן אז ס'זאל זיין כליא רגלא דהרמודאי, אז אפי' בחוץ זאל דאס אויך ניט זיין (משא"כ די וואס ענינם איז מאיר זיין כבפנים, האבן זיי ניט קיין שייכות מיט תרמודאי, ווארום אין א אידישע הויז איז ניט שייך די גאנצע מציאות פון הרמודאי).

וואס הרמודאי איז דאך אותיות מורדת, וואס דאס איז דער ענין וואס ער איז יודע את רבונו ומכוון למרוד בו; ווארום בשעת ער ווייסט ניט אז ס'איז דא א ציווי פון דעם מלך, אדער ער ווייסט אז ס'איז דא א ציווי, ער ווייסט אבער ניט אז דאס איז דער ציווי פון דעם מלך, ער מיינט אז דאס איז א ציווי פון א בו"ד - איז דאס ניט קיין מרידה במלכות; דוקא בשעת ער ווייסט אז דאס איז א ציווי פון מלך מלכי המלכים הקב"ה, און פונדעסטוועגן איז ער עובר אויף דערויף - דעמולט הייסט ער א מורד במלכות.

און אויף דערויף זאגט מען אז נר חנוכה פועל'ט אז ס'זאל זיין <u>כליא</u> דער ענין פון הרמודאי, און נאכמער: כליא (אפי') <u>רגלא</u> דתרמודאי.

און ווי אזוי פועל'ט מען אז ס'זאל זיין כליא דהרמודאי - (ניט דורך אן ענין של מלחמה, ווארום די מלחמה איז דאך געווען בכ"ד כסלו - נאר מ'פועל'ט דאס) דורך דעם וואס ער צינדט אן נר חנוכה, ובדרך ממילא ווערט דער ענין פון כליא רגלא דתרמודאי.

און דאס ווערט (ניט מיט איין מאל, נאר) צו ביסלאך, ע"ד ווי דער פי' הפשוט אין דערויף, אז בשעה עס גייט דורך נאך א ביסל צייט, ווערט נאך וויניקער תרמודאי, ביז אז ס'ווערט אינגאנצן כליא -.איז עד"ז אויך ברוחניות, אז דורך הדלקה נר חנוכה, ווערט בדרך ממילא דער ענין פון <u>כליא</u> רגלא דהרמודאי.

לה. נאך אן ענין זעט מען אין מלחמת היונים, אז דאס איז געווען אין אן אופן פון גבורים ביד חלשים, און רבים ביד מעטים וכו'.

וואס לכאו' איז ניט מובן: וויבאלד אז זיי זיינען געווען חלשים און מעטים, איז וואס איז דער קס"ד אז מ'זאל ארויסגיין אין מלחמה? ומכ"נ: אויב זיי פארלאזן זיך אז דער אויבערשטער וועט זיי מאכן א נס, דארף מען ניט גיין אין א מלחמה, מ'דארף נאר דאווענען צום אויבערשטן און זאגן תהלים וכו', אבער ניט גיין אין א מלחמה; און אויב מצד דרך הטבע - איז בשעה ס'איז א מצב פון חלשים און מעטים, איז ניטא וואס צו גיין אין א מלחמה, איז דאך ניט מובן פארוואס זיינען זיי ארויס געגאנגען מלכתחלה צו דער מלחמה?

- איז טאקע דא אויך אזא דרך, ווי ס'איז געווען ביי יצי"מ, אז דער אויבערשטער האט געזאגט "ואתם תחרישון" (בשלח יד, יד), אע"פ אז זיי האבן געהאט מיט זיך כלי נשק, ווארום "וחמשים עלו בנ"י מארץ מצרים" (שם יג, יח ובפירש"י), ביז ווי דערציילט אין מדרש (מכילתא שם יד, יג) אז ס'זיינען געווען ד' כהות פון אידן, וואס איין כת האט גע'טענה'ט אז מ'דארף פירן א מלחמה מיט מצרים, און וויבאלד אז הורת אמת דערציילט דאס, איז דאך מובן אז די סברא האט געהאט אן ארט, און אעפ"כ האט זיי דער אויבערשטער געזאגט "ואתם תחרישון";

אבער בשעת אז מתתיהו זאגט "מי לה' אלי", און האט געהייסן גיין אין מלחמה, איז אז מתתיהו הייסט, פרעגט מען ניט קיין שאלות! אפי' אויב דאס איז ניט פארשטאנדיק עפ"י שכל - אפי' עפ"י שכל דקדושה - ווי אזוי

- קען -

הנחת הת' בלתי מוגה

קען זיין טבע און למעלה מטבע צוזאמען, דאס איז דאך ניט נאר א דבר והיפוכו, נאר דאס זיינען צוויי הפכים צוזאמען - אעפ"כ, וויבאלד אז מהתיהו האט אזוי געהייסן, פרעגט מען ניט קיין שאלות.

לו. ווי גערעדט פריער אז ס'איז דא די וואס תפקידם איז מאיר זיין מבחוץ, דארפן זיי וויסן אז ס'איז ניט גענוג אז ס'איז דא א נר און שמן און א פתילה, נאר מ'דארף אנצינדן דעם נר, במילא איז ניט גענוג דאס וואס ער געפינט זיך בחוץ, נאר ער דארף אויך אנצינדן דעם נר.

זיינען דא אזעלכע וואס קענען אליין אנצינדן דעם ליכט, און ס'זיינען דא אזעלכע וואס מ'דארף זיי אנצינדן דעם ליכט. און דער הכלית איז אז מ'זאל ראס אנצינדן אין אן אופן אז ס'זאל זיין "שלהבת עולה מאלי'", אז אויך דערנאך (ווען ער גייט אוועק פון אים) זאל דער נר בלייבן אנגעצונדן, ווארום אויב ניט, האט ער גארניט גע'פועל'ט.

וואס דער נר איז דאס יעדער איד, ווי ס'שטייט "נר ה' נשמת אדם" (משלי כ, כז), און דעם נר דארף מען אנצינדן דורך קיום ההומ"צ.

און אע"פ אז ער טענה'ט אז נעכטן האט ער ניט געהאלטן דערביי, און היינט אין דערפרי האט ער אויך ניט געהאלטן דערביי - דארף ער אבער וויסן אז ער האט אין זיך דעם פך שמן טהור, וואס דאס געפינט זיך בשלימות ביי יעדן אידן, און אפי' אז ער געפינט זיך אין א מעמד ומצב פון טמאו כל השמנים, בלייבט אבער ביי אים דער פך שמן אחד, וואס דאס איז וואס יעדער איד זאגט "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" - די נקודת היהדות וואס איז דא ביי יעדער איד.

וכידוע דער פתגם פון אלטן רבי'ן אז א איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסן פון אלקוה, ד.ה. אז די נקודת היהדות פון א אידן, איז שטענדיק בשלימות, ביז אז גם בשעת החטא היהה באמנה אתו (תניא פכ"ד), ס'איז מערניט וואס מ'דארף מגלה זיין ביי אים די נקודת היהדות.

וואס באמת איז דאס די עבודה פון כל השנה כולה, אבער חנוכה איז דאס נאכמער, ווארום חנוכה גייט אויף דער ריכטונג, וואס ענינו איז דאך מדליק זיין דעם נר.

לז. דאס האט אויך א שייכות מיט די וואס שטייען על הגבולות, וואס זייער תפקיד איז צו מגין זיין על עם הקודש בארץ הקודש, און זיי דארפן פועל'ן אז ס'זאל זיין כליא רגלא דתרמודאי, ובפרט ווי דער מצב איז בזמן הזה, און פועל'ן דאס אין אן אופן אז זיי זאלן אפי' ניט אריבערגיין דארטן,

דארף מען וויסן אז ווי אזוי קען מען דאס פועל'ן - דוקא דורך דעם וואס מ'צינדט דעם נר ה' מיט די ליכטיקייט פון תומ"צ. און מ'דארף אויך וויסן אז יעדער איינער האט א נר און א פך שמן, און דער שמן איז שמן טהור.

און אפי' כדי צו באלייכטן <u>בחוץ</u>, און פועל'ן אויף תרמודאי - דארף מען אויך האבן שמן טהור דוקא. וואס לכאו' איז דאס א דבר פלא: מ'וויל פועל'ן <u>בחוץ</u>, איז וואס איז נוגע אז ס'זאל זיין שמן <u>טהור</u> דוקא?

אפי' ביי נס חנוכה האט ניט געמוזט זיין שמן טהור דוקא, ווארום דער דין איז דאך אז טומאה הותרה בציבור (פסחים עז, א), און נוסף לזה איז דאך דער דין אז משקי ביה מטבחייא זיינען טהור (עדיות פ"ח מ"ד),

- וואס -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

וואס דערפאר זיינען דא אחרונים וואס זאגן אז הדלקת המנורה האט ניט געמוזט זיין מיט שמן טהור דוקא –

אעפ"כ האט דער אויבערשטער געמאכט א נס אז ס'זאל זיין שמן טהור דוקא. אין אן אופן פון מהדרין מן המהדרין, כדי אז דערנאך זאל דערפון זיין די הוראה אז מ'דארף זיין מהדרין מן המהדרין. וואס דערפאר איז טאקע נוגע אז מ'זאל זיין שמן טהור דוקא.

ביז אז מ'ווערט אין אן אופן פון "והי' מחניך קדוש" – ניט נאר טהור, נאר באופן נעלה יותר – קדוש, און דעמולט איז "ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך להצילך ולתת אויבך לפניך" (תצא כג, טו), און דאס טוט זיך אויף ניט אין אן אופן של מלחמה נאר בדרך ממילא, ביז אז מ'ווערט מליא רגלא דהרבודאי.

ובנוגע לפועל: זאל מען גיין צו די אלע וואס געפינען זיך בחוץ און זיינען מגין אויף אידן, און אויך גיין צו די וואס געפינען זיך מבפנים, און זיי מסביר זיין דעם ענין הנ"ל, און מ'זאל אנצינדן מיט זיי נר חנוכה, און געבן זיי מעות חנוכה און מאכלי חנוכה, ווי גערעדט פאר א יארן (מסתמא געדיינקט מען דאס), און מיט א הוספה. און זיכער וועט מען דאס איבערגעבן אין אה"ק גלייך נאך שבת.

און דורך דעם וואס יעדערער וועט אנצינדן דעם נר ה' מיט די ליכטיקייט פון תומ"צ, און מ'וועט זיין "בחוקותי תלכו וגו'" – וועט דורך דעם זיין "ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד", ביז צום "ואולך אתכם קוממיות", בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

* * *

לח. דער ביאור אין פירש"י:

דער ערשטער פי' אז "הגיע יומו לילך ולשמש את אביו", איז ניט פארשטאנדיק: דער סיפור מיט יוסף איז געווען בפשטות אין מיטן טאג, ווארום בפשטות האט יעקב געשיקט יוסף'ן אינדערפרי, ווייל דער סדר איז אז אינדערפרי גייט מען ארויס לדרך. ווי ס'שטייט "וישכם אברהם בבוקר . . וילך" (וירא כב, ג), ועד"ז "הבוקר אור והאנשים שולחו" (מקץ מד, ג), און ביז אז יוסף איז אנגעקומען צו זיי איז שוין געווען אין מיטן טאג.

און דעמולט איז נאך ראובן געווען צוזאמען מיט זיי, ווארום ראובן האט דאך געזאגט "לא נכנו נפש" – איז דאך שווער צו זאגן אז דערנאך איז ער אוועק געגאנגען דערפאר וואס "הגיע יומו לילך ולשמש את אביו", ווייל אויב הגיע יומו, האט ער געדארפט גיין בתחלת היום, פארוואס איז ער געגאנגען נאר באמצע היום?

און דערפאר ברענגט רש"י א צווייטן פי': "עסוק הי' בשקו ובתעניתו", וואס דערפאר האט ער ניט געקענט זיין צוזאמען מיט זיי.

ולכאו', אפי' אויב ער וויל תשובה טאן, קען ער זיין צוזאמען מיט זיי לעבן דעם בור, און דארטן זאל ער תשובה טאן, וועט ער אויך קענען היטן יוסף'ן, איז פארוואס האט ער געדארפט גיין אין אן אנדער ארט?

איז דער ביאור בזה: פריער שטייט אין פסוק (כה) "וישבו לאכול לחם" – און ער איז דאך געווען עסוק בתעניתו, האט ער דאך ניט געקענט עסן צוזאמען מיט זיי, איז אויב ער וועט זיי זאגן אז ער איז שרוי בתענית (און דערפאר קען ער ניט עסן), און אעפ"כ וועט ער זיצן צוזאמען מיט

– זיי –